# מעלות

מאנאטליכע אויסגאבע
פאר דער אידישער היים

סיון תשפ"ב
באנד 26 נומער 309





# ויהי קולות וברקים

מוצאי שבועות, מאנסי יצ"ו

געטרייע און חשובע זיידע און באבע מאניש:

עליונים ששו ותחתונים עלזו
בקבלת תורה מסיני
לאמיר זיך צוזאמען דורכשמועסן
איבערלעבן שבועות פונדאסניי

ערב שבועות, א פאר שעה פאר'ן זמן
די משפחה איז אנגעקומען
אלעס האט זיך אפגעשטעלט דאן
מען האט אונז ווארעם אויפגענומען

באגריסט, סערווירט, אזוי באַטעמ'ט
שוין צייט זיך צו גיין אראפלייגן
אבער וואס מיר קענען באווייזן
דארפן מיר יעצט איבערצייגן

אלע מלבושים אין די בעטן
מיט'ן קעסטל ווין ארייננווארפן
און אז א פלאש וועט זיך צעקראכן?
דאס איז די "עקשן" וואס מיר דארפן!

דאס בעטגעוואנט שנעל אפגעצויגן
אין מאשין אויסגעוואשן גיך
אבער א בראך, וואס גייט פאר?
דער דרייער וויל נישט אנצינדן זיך!

דורכאויס די סעודות געוויזן כסדר
אז מיר קענען גוט די מלאכה
אוי ווי גוט צו טאנצן אויף דער סאפע
אלע קינדער פון דער משפחה!

אויסגעליידיגט דאס בשמים ביקסל
די ליכט כמעט אומגעווארפן
מיט מסירות נפש אריינגעכאפט פעטש
כאטש ס'האט גארנישט געהאלפן

מאמי איז אראפ טוישן די בעיבי?
פון די בעסטע געלעגנהייטן!
לאמיר באבי'ס לעפלעך, גאפלעך
און מעסערס צעווארפן אין אלע זייטן!

דער מכה בפטיש לכל הדעות
האט שבת נאכמיטאג זיך אפגעשפילט
ווען טאטי-מאמי זענען געשלאפן
און פיסעלעך האבן שפאצירט

ספרים, גליונות אראפגעפלויגן
און אויב ס'איז נאכנישט גענוג געווען
אין בית הכסא טעיפס, זאקן, שיך
אזא חורבן שוין לאנג נישט געזען!

טייערער זיידי, טייערע באבי
לאמיר רעדן קלארע דיבורים
מיר זאגן אשמנו, בגדנו, גזלנו
כאטש ס'איז נאכנישט יום הכיפורים

אנשטאט צו באצאלן און באדאנקען
פאר אלע הנאות און אלע טובות
זענען מיר אהיים פון אונזער באזוך
מיט א שווער פעקל חובות

אזויפיל שאדנס און צרות פארשאפט
צום געדענקען אויף לאנגע יארן
ס'הארץ זאל צאפלען ווי נאר מ'הערט
אז מייער פון מאנסי קומט צופארן

טייערער זיידי, טייערע באבי
מיר ווילן אייך דא איבערבעטן
אייער בלוטדרוק זאל נישט ארויפשפרינגען
ווען מיר וועלן אייער שוועל איבערטרעטן

מיר וועלן בעזרת השם פארשאפן
פאר יעדעס ביסל ווייטאג און צער
אזויפיל נחת מתוך הרחבת הדעת
און דאס וועט זיין אייער שכר

וואקסן און שטייגן בדרך התורה
תלמידי חכמים, יראי שמים
מיט דעם באצאלן פאר אלע חורבנות
ס'וועט זיך לוינען כפל כפליים!

מיר וועלן מיט אונזערע שארפע קעפלעך
לערנען פיל בלעטער גמ'רא
מיט אונזערע געשליפענע צינגלעך
קלאר איבערזאגן א סברה

מיט אונזער רייפן שכל הישר
מיר וועלן מיט חרטה צוריקקלערן
ווי אזוי האבן מיר זיך אזוי געקענט פירן?
און מיר וועלן בעלי תשובה ווערן!

באהבה רבה,
אייערס איינקלעך

נ.ב. אייער געשיקט צו מיינע שוועסטער-קינדער ניט אין אנגעשטרענגטן שבועות מיט מיינע חיות הקודש זאלן זיין געזונט!

## מאמע לשון

דאס **פָּנִים** ווייזט אויפ'ן **פְּנִים**, זאגן בעלי מוסר. און גלייך ווי די פילע "אויסערליכע" ווערטער פון **פָּנִים** (אדר תשפ"ב), אזוי געפינען מיר מערערע "אינערליכע" ווערטער פון **פְּנִים**, בעיקר נעמען פון כלים און האלטערס וואו מען לייגט אריין "אינעווייניג". אין ענגליש האבן מיר **פען** (שטייג), **בין** (קאַסטן), און **פענ**עטרעיט (ארייַנדרינגען). די יאפאנעזער לייגן אויך אריין זאכן אין א **בין**, כאטש עס איז א קלענערער האלטער. ביי די רויטע אינדיאנער פונ'ם אַמאַזאָן זשונגל אין דרום אמעריקע געפינען מיר **אָפּאָנאָ** און **פּאַנע** – אינעווייניג, טיף, אינערליך – בעת **פּאַנין** איז דאס אינערליכע, אדער אינעווייניגסטע. ביים שבט מאַידו פון קאליפארניע מיינט **פין** "אריין אין". און ביים שבט מאַיאַ זענען **פּאַן** און **פּאַאַם** די געדערים – דאס אינערליכסטע פון קערפער, ווי מ'זאגט, "קריך נישט אריין אין די קישקעס!"

די כינעזער מיט זייערע קלינגעדיגע קלאנגען האבן פארוואנדלט דעם שורש אין **פינג** – א פלאש. א שיסל איז **וואַן** – אויך נאנט צו **פְּנִים** נעמענדיג אין אכט אז פ' און ו' זענען זיך לייכט מתחלף (ווי אין "בארוועס", פון "באר-**פוס**", פון לאטיינישן **פוס**). דאס דערמאנט אונז געוויס פון אונזער פויליש-אידישן **וואנע**, וואס מיינט אורשפרינגליך א גרויסע שיסל.

"יקרה היא **מפנינים**," באזינגט שלמה המלך די טייערע תורה (משלי ג, טו). די **פנינה** – **פערל** (נ' און ל' זענען זיך צומאל מתחלף) – איז דאס אינערליכסטע פון אינערליכסטן, באהאלטן אין שאָל פונ'ם אויסטער, טיף אונטער'ן ים. דער תלמיד חכם שווימט אין ים התלמוד זוכן דעם ריכטיגן פשט; עס עגבערט אים א קשיא, און ער נישטערט, פארשט, ברענגט צו, פרעגט אפ און ענטפערט, ביז עס ווערט געשאפן א טייערער חידוש – גענוי ווי דער אויסטער ווען עס גריזשעט דאס זאמדל וואס האט זיך אריינגעכאפט אין זיין שאָל, און ער באשמירט עס מיט שיכטן פליסיגקייט ביז עס ווערט פארוואנדלט אין א שימערירנדער פערל.

אפשר דערפאר באזינגט שלמה המלך אויך דער אשת חיל, "ורחוק **מפנינים** מכרה" (משלי לא, י), ווי זי ווערט אויסגעלויבט דורך זיין פאטער, דוד המלך ע"ה: "כל כבודה בת מלך **פנימה**" (תהלים מה, יד); זי איז אינעווייניג – הנה באהל – גלייך ווי דער טייערער פערל.

חז"ל, ווידער, לויבן אויס איר "**בינה יתירה**" – וואס קומט, אנדערש ווי "חכמת" התורה און "דעת" תורה, פון אינערליכן געפיל און ערפארונג. יעצט פארשטייען מיר פארוואס "פארשטיין" אין רוסיש איז **פּאַנימ**אַט. אבער פון דער תורה שעפט מען אויך פארשטאנד, ווי עס זאגט ווידער שלמה המלך, "לי **בינה**" (משלי ח, יד). און "בינת הלב" איז פון די מ"ח קניני תורה, ווי מיר בעטן פאקטיש דאס ערשטע ביי אהבה רבה, "ותן בלבנו **בינה להבין**..."

## וואו איז דער מקור?

"**מדאָשקע לדאָשקע**" ("פון דעקל צו דעקל"): אמאל פלעגט מען איינבינדן ספרים מיט ברעטלעך פון ביידע זייטן אנשטאט די היינטיגע טאוולען. דער אויסדרוק קומט פון אוקריינישן **דאָשקאָ** – ברעטל – וואס איז אין אנדערע סלאווישע שפראכן **דאָסקאָ** און **דעסקאַ**. עס שטאמט פון גריכישן **דיסקוס** – א פלאכע, רונדיגע געגנשטאנד – דער מקור פון **דיסק**, ווי אויך אנדערע ענגלישע נעמען פון פלאכע זאכן, ווי **דעסק** (שרייב-טיש), **דעיס** (פלאַטפאָרמע), און **דיש** (א פלאכע כלי – ווי דער כלל אז **סק** ווערט אפטמאל **ש**).

## באַרייכער דיין ווערטער אוצר

**אורשפרינגליך** - פון אפשטאם / **קאָנסעקווענצן** - תוצאות

**שטאַטוס-קוואָ** - "אזוי ווי ס'איז"; די קהילות אין אונגארן וועלכע האבן נישט געוואלט געהערן צו די נעאלאגן און נישט צו די ארטאדאקסן

**קנאָספּ** - א פארמאכטער בלום (bud) / **לאָנקע** - א גראזיגער הויף (lawn)

**צוגעשווייסט** - באהאפטן דורך צאמשמעלצן מעטאלן

**הַדְרָן** - א נוסח וואס מען זאגט ביים מסיים זיין א מסכתא (אדער פרק)

**ספיריטואלע היי** - א פארבייגייענדער געפיל פון "העכערקייט", אומבאגרינדעט אויף עבודה; **דזשו-בוי** - אידישער יונג; **דיספאזעבל** - איינמאליג; **מעטשן** - צופאסן; **סקוטער** - א שטייעדיגער בייזיק; **באמפער** - אן אייזן אויף אויטאס צו פארמינערן שאדנס; **אינשורענס** - פארזיכערונג; **טיטשער** - לערער; **פאבליק סקול** - רעגירונג שולע; **דאבל-פארקן** - פארקירן אן אויטא (אומגעזעצליך) נעבן אן אנדער אויטא

## קורץ און שארף

- מען איז נישט דורכגעפאלן ביז מען האט אויפגעגעבן.
- רעד פשוט, אז פשוט'ע מענטשן זאלן פארשטיין. טראכט קלוג, דאס הערט קיינער נישט.
- כעס איז א שארפער כעמיקאל וואס שעדיגט די כלי אין וועלכן עס ליגט מער ווי סיי וואס אויף וואס מען גיסט עס אויס.

# מעשה ברבי

## דער פלאם אויפ'ן אייז




אן אויסגעהוילטע, פוסטע נאכט
דער הימל ווי א טייך פון טינט
ביטער קאלט עס ברענט א פראסט
אויף די פליגלען פון דעם ווינט

א ווייסע שטייט די וועלט געפרוירן
רייסט דער ווינט און פייפט אלץ העכער
שטיקער אייז, ווי קאלטער קריסטאל
אראפ הענגען פון די דעכער

דער בעל שם טוב, אין דער מקוה
אין א ווינקל, אין אביידל
פלאמט ביי אים און גליט דער פנים
ווי די זון ארויס פון שיידל

שעות, שעות טוט דער צדיק
אין וואסער זיך אונטערטונקען
אין מחשבות הייליג גרויסע
דער בעל שם טוב טיף פארזונקען

און דאס וואסער, דאס אייז-קאלטע
שיער עס פרירט אין גרויסן פראסט
נאר פון הייליגן גוף ווערט תיכף
אנגעהייצט און אויפגעלאזט

שטייט דער תלמיד מיט א ליכטל
ווארפט די שאטנס אויף די ווענט
און דער פלאם גייט איין אלץ טיפער
אט-אט שוין, און אויסגעברענט

צאנקט אביסל נאך דער פייער
שפרינגט אויף בלוי און געל און רויט
און דער וואקס עס ווערט צערונען
שטיקט דער פלאם זיך אויפ'ן קנויט

און דער תלמיד אין דער פינסטער
ווי פארצווייפלט קוקט זיך אום
און ער ווענדט זיך צו דעם צדיק
רבי, ציטערט אים די שטים

אט שוין באלד, די ליכט פארלעשט זיך
טונקל, פינסטער עס פארבלייבט
און דער רבי פונ'ם וואסער
פלאמענדיג זיין בליק ער הייבט

דארנע (נאַר) דו! - הער'זשע, זע!
קלערן דארפסטו נישט קיין סך
גיי צו און ברעך אפ א סאנפיל
(א שטיק אייז וואס הענגט פון דאך)

ס'איז דער זעלבער וואס באפעלט
עס זאל ברענען אויל און נאפט
דער וואס קען אויך א שטיק אייז
אויפצופלאמען געבן קראפט

אויפ'ן ארט עס הארכט דער תלמיד
גאנץ אין רבי'ן זיין אמונה
הייבט זיין האנט ארויף צום דעכל
ברעכט א סאנפיל אפ א דינע

ס'ווערט א פלאם ווי אויפ'ן קנויטל
אויפ'ן סאנפיל אנגעצונדן
ווי פאר שרעק פון רבי'נס כח
ס'איז די פינסטערניש פארשוואונדן

רוקט די נאכט זיך, און דער פייער
ברענט מיט קראפט, נאך ווייט פון צאנקען
און דער צדיק שאקלט וועלטן
שוועבט אין לויטערע געדאנקען

שעות אויפ'ן שפיץ פון אייז
אויפ'ן וועג אהיים נאך ברענט
קומט דער תלמיד אן אין שטוב
בלייבט מיט וואסער אין די הענט...

מקור: נוצר חסד; "די מעשה איז אמת אזוי ווי דער באשעפער איז אמת." (הרה"ק מקאמארנא זצ"ל)

# מיין שומר אין מדבר



ר. פויגל

ראַטשעסטער איז אַן אַלטע שטאָט אין צפון ניו יאָרק, נישט ווייט פון קאַנאַדע. פאַר איבער הונדערט יאָר צוריק איז שוין דאָרט געווען אַ גאַנץ גרויסע אידישע קהילה. אין יענע צייטן איז געווען זייער שווער צו היטן שבת אין אַמעריקע, און די אידן זענען געווען זייער אָרעם – אָרעם אין געלט און אָרעם אין תורה.

ר׳ שמחה תהלים-זאָגער איז געווען פון די אמת׳ע ערליכע אידן אין ראַטשעסטער. פאַרוואָס האָט מען גערופן זיין משפחה תהלים-זאָגער? ווייל זיי האָבן שטענדיג געזאָגט תהלים. שפעטער איז זייער נאָמען געבליבן ״תהלים״. משפחת תהלים איז געווען אָרעם אין געלט, אָבער רייך אין תורה. זיי האָבן געהאַט מסירות נפש פאַר אידישקייט, און האָבן אַריינגעלייגט אין זייערע קינדער יראת שמים און אהבת השם.

אין ראַטשעסטער איז געווען נאָר אַ ״היברו סקול״, אַ מאָדערנער חדר. די טיטשערס דאָרט זענען נישט געווען קיין יראי שמים, און רוב קינדער זענען געקומען פון שוואַכע שטיבער. די פרומע משפחות האָבן נישט געהאַט קיין געלט צו עפענען אַן אייגענע תלמוד תורה, האָבן זיי זיך געפריידט אַז זיי דאַרפן נישט שיקן זייערע קינדער אין פּאַבליק סקול מיט די גוים.

איין ערליכער מלמד איז געווען דאָרט, וואָס האָט נישט נאָר געלערנט מיט די קינדער חומש-רש״י, נאָר אויך אַריינגעלייגט אין זיי אַ חשק און ברען צו תורה און מצוות. ווען די מאָדערנע עלטערן האָבן געזען אַז דער מלמד מאַכט זייערע קינדער ״צו פרום״, האָבן זיי געוואָלט פאַרפירן, ביז מען האָט אים אָפּגעזאָגט.

ר׳ שמחה איז געווען צעבראָכן און פאַרלוירן. קוים איז דאָ איין פרומער מלמד, וואַרפט מען אים אַרויס?! וואָס וועט ראובן אויסוואַקסן אין אַזאַ סקול?

ר׳ שמחה האָט באַשלאָסן אַרויסצונעמען זיין אינגל פון היברו סקול. ער האָט געבעטן דעם מלמד אַז ער זאָל לערנען מיט ראובן ביי זיך אין שטוב. דער מלמד האָט זיך געפריידט אַז ער האָט אַ שטיקל פרנסה, און ר׳ שמחה האָט זיך נאָכמער געפריידט אַז ער האָט אַ גוטן מלמד פאַר זיין זון.

צומאָרגנס איז ראובן אַרויס אויפ׳ן לאַנגן וועג צום רבי׳ן. די מאַמע איז געווען פאַרנומען מיט די קליינע קינדער, דער טאַטע האָט זיך געיאָגט פון דאַווענען צו דער אַרבעט, און דאָס קינד איז געגאַנגען איינער אַליין.

דער מלמד האָט געוואוינט אין אַן אַנדער געגנט,

אוּן רְאוּבֵן הָאט גֶעמוּזְט דוּרְכְגֵיין אַ לַאנְגֶער וֶועג מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גַאסְן. ווִילְדֶע שְׁקָצִים, שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, הָאבְּן זִיךְ דָארְט גֶעדְרֵייט מִיט זֵייעֶרֶע הִינְט, בִּיקְסְן, אוּן מֶעסֶערְס. רְאוּבֵן הָאט גֶעצִיטֶערְט פוּן שְׁרֶעק.

"הֶעי, דְזְשוּ-בּוֹי!"

רְאוּבֵן הָאט מוֹרָא גֶעהַאט זִיךְ אוֹיסְצוּדְרֵייעֶן. זַיין הַארְץ הָאט גֶעקְלַאפְּט ווִי מִיט הַאמֶערְס. עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶר טָאר נִישְׁט לוֹיפְן. דִי חֶבְרָה הָאבְּן לִיבּ זִיךְ צוּ פַארְטְשֶׁעפֶּען מִיט אֵיינֶעם וָואס וַוייזְט אַרוֹיס אַ פַּחַד. אָבֶער נִישְׁט לוֹיפְן הָאט עֶר אוֹיךְ מוֹרָא גֶעהַאט! אִיז עֶר וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען, מִיט דִי גְרֶעסְטֶע טְרִיט וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעקֶענְט, אַרָאפְּקוּקְנְדִיג צוּ דֶער עֶרְד. "הֶעלְף מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם!" הָאט עֶר גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט. "בַּאשִׁיץ מִיךְ פוּן דִי רְשָׁעִים!"

דִי וִוילְדֶע גֶעלֶעכְטֶערְס פוּן דִי צְוֵוי-פִיסִיגֶע חַיוֹת, אוּן דִי בִּילֶערַייעֶן פוּן דִי פִיר-פִיסִיגֶע, הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט דֶעם גַאנְצְן וֶועג. עֶנְדְלִיךְ, עֶנְדְלִיךְ, הָאט עֶר גֶעזֶען דֶעם רֶבִּי'נְס הוֹיז פוּנְדֶערְוַוייטְנְס. רְאוּבֵן הָאט אָפְּגֶעאָטֶעמְט. "בָּרוּךְ הַשֵּׁם!" עֶר אִיז אַרִיבֶּער דֶעם מִדְבָּר, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן פוּן מִצְרַיִם!

"גוּט מָארְגְן, רְאוּבֵן!" הָאט דֶער רֶבִּי אִים בַּאגְרִיסְט. "אוֹי, בִּיזְט אַזוֹי בְּלַאס אוּן פַארְשְׁוִויצְט. אַ לַאנְגֶער וֶועג, הַא? לָאמִיר דִיר גֶעבְּן אַ גְלָאז קַאלְט וַואסֶער."

וֶוען רְאוּבֵן אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זִיךְ, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶפְנְט דֶעם חוּמָשׁ. "קוּם, רְאוּבֵן, לָאמִיר זֶען וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ זָאגְט פַאר דִי אִידְן דִי וָואךְ. וַיְדַבֵּר ה' - אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט."

"וַיְדַבֵּר ה' - אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶערֶעדְט," הָאט רְאוּבֵן נָאכְגֶעזוּנְגֶען מִיט'ן זִיסְן נִיגוּן פוּן חוּמָשׁ-טַייטְשׁ. דֶער רֶבִּי הָאט פָארְגֶעלֶערְנְט אַזוֹי לֶעבֶּעדִיג אוּן פְרִישׁ, וִוי עֶר וָואלְט גֶעזֶעצְן אִין אַ קְלַאס פוּן צְוַואנְצִיג קִינְדֶער. רְאוּבֵן הָאט זִיךְ מִיטְגֶעשָׁאקְלְט מִיט חֵשֶׁק. אָה, דָאס הֵייסְט גֶעלֶערְנְט! עֶר הָאט שׁוֹין כִּמְעַט פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן וֶועג.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט פַארְמַאכְט דֶעם חוּמָשׁ, אִיז שׁוֹין דִי זוּן גֶעוֶוען אוֹיפְ'ן וֶועג אַרָאפּ. רְאוּבֵן אִיז אַרוֹיס אוּן אַ שְׁרֶעק אִיז אִים בַּאפַאלְן. עֶר דַארְף נָאךְ דוּרְכְמַאכְן דֶעם לַאנְגְן וֶועג אֵיידֶער עֶס וֶוערְט נַאכְט! עֶר הָאט גֶענוּמֶען לוֹיפְן בִּיז עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶער שְׁלֶעכְטֶער גֶעגְנְט.



ראטשעסטער אין יענע יארן; דער "ערי קאנאל" ציט זיך פון "לעיק ערי", איינע פון די פינף "גרעיט לעיקס" (גרויסע וואסערן) צווישן ניו יארק און קאנאדע.

רְאוּבֵן אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ שְׁנֶעלֶער וִוי אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין. עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט נִישְׁט צוּ טְרַאכְטְן פוּן דִי טוּנְקֶעלֶע פַארְשׁוֹינֶען אַרוּם אִים, דִי וִוילְדֶע קוֹלוֹת, דִי גְרוֹילִיגֶע גֶערוּכְן וֶועלְכֶע טְרָאגְן זִיךְ פוּן דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע פֶענְסְטֶערְס. עֶר הָאט גֶעוָואלְט חַזֶר'ן אִין גֶעדַאנְק דִי חוּמָשׁ-רַשִׁ"י וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט בַּיים רֶבִּי'ן, אָבֶער פוּן שְׁרֶעק הָאט עֶר אַלֶעס פַארְגֶעסְן. עֶר הָאט גֶענוּמֶען שֶׁעפְּשֶׁען פְּסוּקִים פַאר אַ שְׁמִירָה: "יְבָרֶכְךָ ה' וְיִשְׁמְרֶךָ... בְּשֵׁם ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל, מִימִינִי מִיכָאֵל... יוֹשֵׁב בְּסֵתֶר עֶלְיוֹן..."

וֶוען עֶר הָאט זִיךְ עֶנְדְלִיךְ דֶערְזֶען אִינְדֶערְהֵיים, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין עֶרְשְׁטְן בֶּענְקְל.

"אַ גוּטְן טָאג, רְאוּבֵן! נוּ, וִוי אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין חֵדֶר?"

אַנְשְׁטָאט אַן עֶנְטְפֶער אוֹיף זַיין מַאמֶע'ס פְרַאגֶע, הָאט רְאוּבֵן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין. "אִיךְ קֶען נִישְׁט אַזוֹי! אִיךְ קֶען מֶער נִישְׁט גֵיין דָארְט! אִיךְ הָאבּ אַזוֹי מוֹרָא! דִי

גוים..."

מֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן. זַיין מַאמֶע הָאט אִים גֶעגֶעבְּן נַאכְטְמָאל און פְּרוּבִּירְט אִים צוּ בַּארוּאִיגְן. וֶוען זַיין טַאטֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פוּן דֶער אַרְבֶּעט, אִיז רְאוּבֵן שׁוֹין גֶעוֶוען גֶענוּג רוּאִיג צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס סְ'אִיז גֶעשֶׁען.



זַיין טַאטֶע הָאט זִיךְ גָארְנִישְׁט דֶערשְׁרָאקְן. "וואוּ דֶען ווִילְסְטוּ גֵיין - אִין הִיבְּרוּ סְקוּל מִיט דִי אַמֶערִיקַאנֶער בּוֹיעֶס?! וָואס וֶועט פוּן דִיר אוֹיסְוַואקְסְן דָארְט - אַ פְּרָאסְטֶער יוּנְג, אַן עַם הָאָרֶץ?!"

רְאוּבֵן הָאט גֶענוּמֶען נָאכְמֶער יָאמֶערְן, אָבֶער סְ'הָאט אִים גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַ סַךְ מֶער מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דִי טִיטְשֶׁערְס אִין הִיבְּרוּ סְקוּל ווִי פַאר דִי שְׁקָצִים אִין רַאטְשֶׁעסְטֶער.

"דָאס מֵיינְט מְסִירוּת נֶפֶשׁ פַאר תּוֹרָה," הָאט זַיין טַאטֶע אִים גֶעזָאגְט. "אַמֶערִיקֶע אִיז אַ טְרֵיפָה'נֶע מְדִינָה. אָן מְסִירוּת נֶפֶשׁ קֶען מֶען נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד."

"הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, רְאוּבֵן," הָאט זַיין מַאמֶע אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען. "דִי תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט וֶועט דִיךְ בַּאשִׁיצְן. אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר דִיר."

צוּמָארְגְנְס הָאט רְאוּבֵן גֶעמוּזְט גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, מִיט גוּטְנְס און מִיט בֵּייזְנְס. עֶס הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעהָאלְפְן קַיין גֶעוַויינֶען און גֶעבֶּעטְן. עֶר אִיז אַרוֹיס מִיט אַ קְלַאפֶּעדִיג הַארְץ, און אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן שְׁרֶעק.

אִינְדְרוֹיסְן, פַאר דֶער טִיר, אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ גְרוֹיסֶער הוּנְט.

רְאוּבֵן הָאט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן הִינְט. עֶר אִיז גֶעוֶוען גֶעווֹאוֹינְט צוּ דִי הִינְטְלֶעךְ פוּן דִי גוֹי'שֶׁע שְׁכֵנִים. אָבֶער דֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אַ קְלֵיין הִינְטְל, נָאר אַ גְרוֹיסֶער הוּנְט, אַזוֹי ווִי דִי פָּאלִיצֵיי הִינְט. רְאוּבֵן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַוֶועקְגֵיין פוּן אִים, אָבֶער דֶער הוּנְט אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! עֶר הָאט אִים בַּאגְלֵייט דֶעם גַאנְצְן וֶועג, רוּאִיג און פָּאלְגְזַאם, אַזוֹי ווִי רְאוּבֵן וָואלְט גֶעוֶוען זַיין בַּעַל הַבַּיִת.

גֵייעֶנְדִיג דוּרְךְ דֶער שְׁלֶעכְטֶער גֶעגְנְט, הָאט רְאוּבֵן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט צוּ הָאבְּן אַ גֶעטְרֵייעֶר "שׁוֹמֵר" נֶעבְּן זִיךְ. דִי ווִילְדֶע שְׁקָצִים הָאבְּן אִים נָאכְגֶעקוּקְט פוּנְדֶערְוַוייטְנְס אָן אַ וָוארְט. דִי צְוֵויי-פִיסִיגֶע חַיוֹת הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט פַאר'ן פִיר-פִיסִיגְן. דֶער הוּנְט הָאט אִים בַּאגְלֵייט דוּרְךְ דִי ווִילְדֶע מוּזִיק, צֶעבְּרָאכֶענֶע גְלָאז, פַארְבְּרֶענְטֶע צִיגַארְן, און לֵיידִיגֶע בִּיר פְלֶעשֶׁער - בִּיז צוּם מְלַמֵד'ס הוֹיז.

ווִי אַנְדֶערְשׁ הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט נָאכְ'ן גֵיין מִיט אַזַא גוּטְן שׁוֹמֵר! אָבֶער וָואס וֶועט זַיין אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק?...

נָאכְ'ן לֶערְנֶען גֶעשְׁמַאק מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אִיז רְאוּבֵן אַרָאפּ דִי שְׁטִיגְן פוּן זַיין הוֹיז. און וֶועמֶען טְרֶעפְט עֶר דָארְט זִיצְן? דֶעם גְרוֹיסְן הוּנְט! זֶעעֶנְדִיג זַיין "בַּעַל הַבַּיִת", הָאט דֶער הוּנְט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט און אִים נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְגֵיין. רוּאִיג און גֶעלַאסְן אִיז רְאוּבֵן אַרִיבֶּער דֶעם גֶעפֶערְלִיכְן גֶעגְנְט. עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיד אָבֶער פְרֵיילִיךְ און מוּנְטֶער.

"בָּרוּךְ הַשֵּׁם, בִּיזְט אַהֵיימְגֶעקוּמֶען בְּשָׁלוֹם!" הָאט זַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶערוּפְן.

"זֶעסְט, רְאוּבֵן, דִי תּוֹרָה הָאט דִיךְ בַּאשִׁיצְט," הָאט זַיין טַאטֶע טְרִיאוּמְפִירְט.

"דִי תּוֹרָה הָאט מִיר גֶעשִׁיקְט אַ גוּטֶער שׁוֹמֵר!" הָאט






רְאוּבֵן גֶעזָאגְט. עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם הוּנְט וָואס הָאט אִים בַּאשִׁיצְט אוֹיף בֵּיידֶע וֶועגְן, "אַזוֹי וִוי דִי אִידְן זֶענֶען דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם מִדְבָּר מִיט דִי עַנְנֵי הַכָּבוֹד!"

"יָא, וַוייל דוּ גֵייסְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן דַיין רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי דִי אִידְן אִין מִדְבָּר," הָאט זַיין טַאטֶע צוּגֶעלֵייגְט.

"אוּן דוּ בִּיזְט אַזוֹי וִוי דִי הִינְט וָואס הָאבְן נִישְׁט גֶעבִּילְט וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם," הָאט רְאוּבֵן גֶעזָאגְט פַאר'ן הוּנְט וֶוען עֶר הָאט אִים גֶעטְרָאפְן וַוארְטְן צוּמָארְגְנְס אִינְדֶערְפְרִי.

דֶער הוּנְט הָאט פְרֵיילִיךְ גֶעשָׁאקְלְט מִיט זַיין עֶק אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אִין וֶועג.

טָאג נָאךְ טָאג הָאט דֶער הוּנְט אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם אִינְגְל אוּן אִים בַּאגְלֵייט בֵּיידֶע וֶועגְן. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אֵיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר!

ר' רְאוּבֵן אִיז אוֹיסְגֶעוָואקְסְן וִוי זַיין טַאטְנְ'ס ווּאוּנְטְשׁ, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן יְרֵא שָׁמַיִם. עֶר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ פַיינֶע שְׁטוּב מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.




וֶוען מֶען הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר'ן הֵיילִיגְן רִיבְּנִיצֶער רֶבִּי'ן זי"ע, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז דֶער הוּנְט אִיז גֶעוֶוען דִי נְשָׁמָה פוּן אַן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, אוּן נָאכְ'ן הֶעלְפְן אַ אִידִישׁ קִינְד לֶערְנֶען תּוֹרָה, הָאט עֶר גֶעהַאט זַיין תִּיקוּן אוּן גֶעקֶענְט גֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(געהערט פון ר' יצחק ב"ר ראובן תהלים הי"ו, משב"ק ביים ריבניצער רבי'ן זי"ע)




אוּנְזֶער הוֹיז וֶועט אוֹיסְזֶען הֶערְלִיךְ לְכָבוֹד יוֹם טוֹב!
אַזוֹי וִוי דֶער בַּארְג סִינַי!
ס'זֶעט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט אוֹיס יוֹם טוֹב'דִיג.
אִיךְ וַוייס פַאַרְוָואס. וַוייל ס'אִיז דָא אָנְגֶעוָוארְפְן מִיט שְׁמוּץ.
לְכָבוֹד שָׁבוּעוֹת!
לְכָבוֹד יוֹם טוֹב!
יֶעצְט זֶעט דָא אוֹיס שֵׁיין!
שֵׁיין אוּן רֵיין!

MAALOS
P.O.B. 933
Monsey, NY 10952

U.S. Postage
Permit #021264
Monsey, NY 10952

טויזנעטער הייזער זענען זיך כסדר מחי' פונעם נייעם חידוש בעולם הנגינה, און
פולען זיך אן מיט א געשמאקע אטמאספער איבער די **טעכנעלאגישע פארמעסט.**

# שווערע טויזענטער סידי'ס

פארקויפט און
די לעצטע
פאר חדשים.




צו באקומען אין אלע געשעפטן
Distributed By
לחיים Lechaim

**די נייע שיפמענט איז גרייט פאר אייך.**

צו באשטעלן די סידי/USB אויפן טעלעפאון, דעליווערט צו אייך אויפן פאסט (פרייע דעליווערי), רופט: 929.930.3300